בעזהי"ת

# קונטרס

# קול יעקב

**הדרכה והוראת דרך למקצואות הראשיים היסודיים שבתורה הנפרצים ברובא דמינכר על העומד.**

א. כשרות התרופות (מעדעצינען) לפסח ולכל השנה.
ב. אזהרות נחוצות לפסח.
ג. רשימה לבדיקת חמץ.
ד. איסור שעטנז.
ה. ביקורת נשים אצל רופאים.
ו. חומר ראיית הטעלעביזייע.
ז. דין תורות—שלום בית.
ח. הוראה לקונה טלית.

**נערך ונסדר לזכות את הרבים**


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
**„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס.**

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.



– ברוקלין, יצ"ו • שנת תשל"ח –

– ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל –

כתובת המחבר :
Rabbi Sholom Y. Gross
4711 — 12th Ave. Apt. a-5
Brooklyn, N. Y. 11219
436-8086

## מכון להוצאת ספרי
## יהודה וישראל



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי׳,
,,מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
בכשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס** שליט״א
אבדק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונכבדים.

# אַ אוצר אין אַ אידישער שטוב

אני הח״מ אבקש שתשלחו לי ספר
☐ נפש ישעי׳ ........ $9.25
☐ שו״ת זבחו זבחי צדק ........ $4.50
☐ מנחת יהודה ........ $5.00
☐ אהלי ישראל, וקונטרס דבר משה ........ $4.75
☐ מנוחת שלום ........ $4.75
אפיית מצות השלם
כרך א׳ ג׳ חלקים
☐ אכילת מצות בישראל ........ $9.50
כרך ב׳ ז׳ חלקים
☐ קדושת ישראל ........ $5.00
☐ דמי משלוח דאלער אחד ........ $1.00

הערת המערכת
הספרים לא ישלחו בחוצות רק בזמן אם קבלנו
את המעות ולא בהקפה כלל.

בייגעלייגט איז די סומע פון ........ $

**נאמען** ........
**אדרעס** ........
שטאט ........
לאנד ........
זיפ נומער (פאסט געגענט) ........
טלפון ........

פאר מער אינפארמאציע שרייבט אדער טעלעפאנירט צו:
YESHIVA AND KOLEL BAIS YESHAYE
4711-12th AVE., BROOKLYN, N.Y. 11219
TEL. 436-8086

# הקדמה

**מצאנו לנכון להדפיס קונטרס הנוכחי לתועלת הרבים. תוכנו ומהותו. קריאות שונות שנכרזו בקרית חוצות בתוך אלפי ישראל. לעורר בעניני פרצות שונות מיסודי הדת העומדים על חדת בימינו אלה. כמעט בכל ענינים המתרחשים יום יומית.**
**תהלה לא־ל עליון שהדברים הנוכחים כבר פעלו גדולות ונצורות בכרם ישראל ורבים השיב מעון.**
**יהי רצון שיחזיק מעמדו ויתעוררו שאר צאן קדשים לשוב ולעבדו באמת ובתמים.**

**הק' שלום יהודה גראס**
אבדק"ק האלמין
בלאאמו"ר הרהגה"צ מוהר"ר
ישעי' זאב גראס זצ"ל.

# ה ת ו כ ן


א. מודעה נחוצה לרבנים בעלי הוראה, בענין כשרות סמי תרופה לפסח ולכל השנה.
ב. אזהרות אין די טעג פון פסח.
ג. א באקוועמע טשעק ליסט וואס דערמאנט וואו מען זאל בודק חמץ זיין.
ד. א רוף צו אלע אידען! זייט מבער דעם פארבארגענעם חמץ!
ה. למען קדושת ישראל—די אומווערדיקייט פון טעלעוויזיע.
ו. א ווארענונג צו אידישע פרוין.
ז. וויי—געשריי פון האלמינער רב איבער'ן מצב פון דין—תורה'ס ווענן שלום בית.
ח. א ווארענונג צו אלע אידען—די טלתים טראגעדיע!
ט. ווארענונג קעגען סכנה!!! —א רוף צו אלע אידען.

בס"ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו... (ישעי' נ"ה ז')**

הקונטרס הנוכחי **קול יעקב** יצא לאור בסיוע ובעזר העסקן הנפלא ראש וראשון לכל דבר שבקדושה רודף צדקה וחסד האי חסיד האי עניו כש"ת

**מוהר"ר**

**יהושע זאב לערנער שליט"א**

**לע"נ**

היקר ומאוד נעלה הרה"ח המפואר מוהר"ר יעקב שמואל בן יוסף נחמי' שווינגער ז"ל, נפטר בשם טוב ביום ש"ק א' דר"ח טבת ו' חנוכה תשל"ח.

ת נ צ ב ה

יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע"י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.

# קונטרס
# קול יעקב

# מודעה נחוצה לרבנים בעלי הוראה

## המדריכים והרשימות, בין של יחיד בין של רבים, לכשרות סמי תרופה לפסח ולכל השנה, אין בהם סמכות כלל מחסרון ידיעה מקורית

הנה אחר יגיעות עצומות של דרישות וחקירות בלי גבול נוכחתי לדעת כי אי אפשר להחליט על שום סמי תרופות (מעדעצינען) שבעולם דרגות כשרותן, בין האבקים, בין הנוזלים, בין הכדורים, בין הזריקות, וכיו״ב, הן בנוגע לאיסור והיתר דכולא שתא והן בנוגע לחשש חמץ או קטניות שהוא נפק״מ לענין פסח, שהיסוד של כל בעלי הרשימות הוא אך ורק ע״י שו״ת בין בתי החרושת והרבנים אבל אין שום ביקור פרטי או כללי בבית החרושת ע״י הרבנים המרשימים, ובפרט קשה למאוד ואחריות גדול ונורא לעשות רשימה פומבית מהתרופות שלפי שיטתם כשרים הם, הואיל שמעת סידור הרשימה עפ״י מכתבים עד עת ההדפסה נשתנו המרכבים והמצב כמיום ללילה, כי כל בתי החרושת הראשיים כולם העידו בסגנון ופה אחד שאף המייצרים בעצמם העוסקים בתוצרת הסמים רובא דרובא אינם בקיאים כלל בתוכנן של הסמים מטעם שכל תרופה נרקח ונבלל מחומרים בלי מספר אשר כל חלק וחלק נלקח מבתי חרושת אחרת וכל מלאכתן רק לרקחם יחד וממנו נוצר התרופה, וגם בתי התעשיה שמשם נלקחים חלקי הסמים הם בעצמם אינם בקיאים בבירירות בתוכן חלקי הסמים כי גם מעשיהם לערב מינים ממינים שונים שלוקחים ממקומות אחרים, ואפילו הראשונים שמייצרים החלקים מתחילתן אינם יכולים לקבוע בבטוחות דרגות כשרות תוצרתן מטעם שמעותדין להשתנות מיום ליום ומשבוע לשבוע, וגרועים אלף מעלות משאר בתי החרושת המייצרים מאכלים ומשקאות לבריאים שהגם שבאותן בתי התעשיה אין התוצרת משתנה במהירות כ״כ אבל בבתי יצור סמים לרפואה משתנים מעת לעת ומפקידה לפקידה כל סדרי תוצרותיהם, וגם יש להדגיש כי הבתי החרושת הגומרים מעשה מרקחת התרופה ומוכרים תעשייתן להחנויות למכור לכל העם ג״כ משנים בזמן קט מאוד ממש מיום ליום המקומות שלוקחים משם חלקי הסמים על מנת לבוללם יחד.

את כ״ז העידו עשיריות בתי חרושת ותעשיה של ארבע פינות ארצה״ב.

באופן שאם יבא אחד להגיד ולהעיד בפה או בכתב על סמי תרופות שהם כשרים לפסח (בפרט) או לכל השנה (בכלל) הרי זה כמעיד על השמש שזרחה בחצות הלילה, והרי זה צחוק מכאיב, כי בדברים כאלו מכשילים יהודים נאמנים תמימים שאינם יודעים ובקיאים בענינים הללו וסומכין על העדאת העד הלזו כעל סנהדרין בלשכת הגזית, ונגררים אחר דבריהם כצאן לטבח יובלו, ובאמת הם פטפוטי דברים בעלמא דברי הבל ורעות רוח כולם ישאם הרוח הבל הבלים אין בו ממש. כ״ז כתבתי כעין קיצור ממה שבירתי בתשובה גדולה ובאריכות דברים בהצעת חלק מהמכתבים שנשלחו לי ע״י הבתי החרושת, וכל הרוצה להתחקות על אמיתתן ימחול נא לעיין בו והיא לו נדפסה בסוף ספרי אכילת מצות בישראל ח״ק חלקים הנצרך מאד לכל יהודי כשר, שהוצאתי לאור זה עתה.

הספר אכילת מצות בישראל, וגם ספרי אפיית מצות השלם אפשר להשיג אצל כל מוכרי ספרים, וגם אצל המו״ל.

נ. ב. וגרמא דהדין ברור שנחוץ מאוד לכל מורה הוראה כשבוא יבא לפניו שאלה מחולה הצריך לרפואה, בין יבין את אשר לפניו איכות רוע מצבו של החולה כדי שעי״ז ידע האיך ובמה לעורר, שהרי צריך לדון על כל שאלה אם החולה הזה מותר לו לאכול או לשתות סמי תרופות שיש בהם חשש תערובת חמץ.

וגם נצרך מאוד לכל יחיד לידע שבאם יזדמן לו ח״ו בתוך ביתו הצטרכות ללקיחת סמי רפואות אז אל יקל ראשו להורות לעצמו בעצמו מה לרחק ומה לקרב כי בנפשו הוא שבנקל יוכל להכשל ח״ו באכילת חמץ, ובזכות זהירות משימצא דחימצא יתברך בהבטחת הבורא ככתוב כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ד׳ רפאך, וכימי צאתך ממצרים אראנו נפלאות בעגלא ובזמן קריב אמן.

ה מ א ו ר

## מדור אזהרות לפסח

א) אויב די כשרות פראבלעם אין אונזער וועלט שטאט ניו יארק איז אין אַלגעמיין א גאנץ יאָר זעהר אַ פארוויקעלטע און זעהר אן אנגעוועהטאגטע, ווערט זי נאך מער קאמפליצירט אין פארשארפט ווען עס קומט אן דער הייליגער פסח, דוקא פסח ווען עס האַנדלט זיך פון אַ משהו חמץ ווען יעדער **איד** וואָס אפילו אַ גאנץ יאר איז ער ניט אזא מדקדק און נזהר אין כשרות, וואלט ער אבער וועלען אז פסח זאל זיין אלעס ביי איהם מיט'ן גרעסטען הידור כשרות.

און דוקא ביי דעם גרויסען און שטרענגען יו"ט אנשטעהט אזא טומעל אזא תהו ובהו וועגען כשרות אז עס איז כמעט ווי אונמעגליך זיך צי פונאנדערקלייבען, אין דער רעזולטאט איז אז אפילו פרומע אָפגעהיטענע אידען וואס זייערע טאטעס און זיידעס וואלטן נישט געהאט דעם מינדעסטען געדאנק אין יו"ט פסח, צי ניצען אין ארייגברענגען אין שטיב פארטיגע עסענס אפילו מיטען פרומסטען הכשר ניטאמאל פאר קליינע קינדער, אין היינט ליידער איז דאס אזוי גרינג.

ב) געדענקט חשובע אידען אין פסח איז אפהענגיק דער צוקונפט פון דעם קומענדיקן יאר **לטובה פאר אייך מיט אייערע קינדער**. אזוי ווי דער קדוש האריז"ל זאגט עדות, אז דער וואס איז נזהר פון אַ משהו חמץ, מעג ער זיין זיבער אז ער וועט דאס יאר נישט זינדיגען.

דאס איז געוועדט פין גאר וויכטיגע לעבנס מיטעל. אבער מותרות (געבעקס, טשאקאלאד, סאדעס,) וואָס מען קען זיך באגיין אָהן דעם איז נישט געקימען אפילו אין באטראכט צי ניצען ביי מדקדקים אינדערהיים.

ג) רבותי מען נארט זיך אליין, מען פראָבירט זיך איינרעדען אז מען האלט אָן די מנהג ישראל [אידישע פירונג] אז פסח מישט מען זיך נישט, יעדער עסט נאר ביי זיך, דער טעם פון מנהג איז ווייל יעדער האט זיך זיינע אייגענע חומרות וכדומה, אט דער זעלביגער וואס איז שטאַרק מקפיד נישט צו עסען ביי יענעם, דערגעגן קויפט ער פאַרשידענע עסען אדער געטראנגען פארטיגע איז דאך דאס נאך ערגער ווי מישען זיך, ווייל יעדער פארשטייט אז אַ פאַבריקאַנט איז וועגן ביזנעס זיך מער מקיל אין סאך זאַכען, ווי איינער וואס קאָכט אליין ביי זיך אין שטיב, איז דאך דאס אַ סתירה, דא וויל ער נישט צירירען פין יענעם, אפילו ער זאל בלייבען הינגעריק, אבער פון געשעפט קויפט ער אלע פראָדוקטען, (ליינט ווייטער או' ו' פין סאבאטשובער רבי'ן די חסרונות פון קויפן פארטיג).

ווער רעדט שוין פין די חומרא וואס אנשי מעשה האבן נישט געגעסען אפילו וואס מען קאכט אין שטיב נאר די מינדעסטע, פין דעם האלט מען נאך גאר ווייט.

ד) בפרט דער וואס לויפט נאָך דעם שענסטען אתרוג, פיצט אויס שיין די סוכה, קויפט אַ שיינעם טלית וכיוצא, דארף ער אויך זעהן אויסצפיצען דעם יו״ט פסח, אין דאס מיט די שטרענגסטע זהירות אין חומרות אין אלערליי עסען, אין אַוודאי נישט קויפען.

ה) מיר מיזען באטאָנען אז ב״ה לא אלמן ישראל אין עס געפינען זיך אידען מדקדקים וואס קויפען נישט, אפילו זייף פארטיגע, [עס איז אַ קלייניקייט אליינס צו מאכען] עסענ׳ס איז שוין אָפגערעדט, אבער פין דעם איז דא ליידער גאר געציילטע, פארוואס זאָל דאס זיין אזוי?

ו) אין איינוועגס ווילען מיר מעורר זיין אויף דעם וואס ווערט געברענגט אין ש״ע (ת״ס ס״ב, חק יעקב, הגר״ז, מ״ב כה״ח, שם) עס געבירט זיך דאָס יעדער זאל זיין דערביי ווען מען באַקט זיינע מצות אין אליינס צי העלפען, דער הייליגער סאָכטשובער זצ״ל (אבני נזר שעב׳) שרייבט פאלגענד:

איך האב געהערט אז עס איז איינגעריסען שטארק אין טייל שטעט דאָס נישט יעדער איינער באַקט מצות פאר זיך נייערט איינער באקט אין פארקויפט [אזוי ווי היינט], אין דאָס איז מיר זייער שלעכט געפאלען ערשטנס ווייל די הלכות פין מצות זענען זעהר פיהל אין אויב יעדער באַקט פאר זיך גיט מען אכטונג אלעס זאל זיין געהעריג הונדערט פראָצענט, אַנדערש איז אבער אויב איינער באקט פאר ביזנעס [אַ בעקעריי] איז זיין גאנצע שטרעבן צי שפארען געלט, אין גיט נישט אזוי אכטונג אויפן באַקען.

פארוואָס זאלען מיר זיך נישט אָנשטרענגען אויף אזא באליבטע מצוה וואָס קומט פסח איינמאל אין יאר, דעריבער זאל מען דרשנען ברבים **אז דער וואס פארבאט זיך פארן באשעפער** זאל ער זיך פירען אזוי ווי אונזערע טאטעס אין זיידעס, אין **יעדער זאל באקען מצות פאר זיך**, אין זיך פרייען מיט די מצוה.

אין ער מעג זיכער זיין אַז די מצוה וועט אים ביי שטיין ראש השנה ביים יום הדין אזוי ווי עס שטייט אין זוה״ק, [דאס זענען די רייד פין דעם אויבנדערמאָנטען צדיק זי״ע].

ז) דאָס איז אויך אַ מוסר אין אנווייזונג אויף אנדערע עסענ׳ס וואס מען קויפט פארטיג אַ גאנץ יאר אין כ״ש פסח, אז דער ביזנעסמאן לייגט די גאנצע געוויכט ארויסצוגעבען די ווארע ביליג, אין צי בעטען אסאך, צוליב דעם איז ער גרינג אין געוויסע הארבקייטען, **וואָס** מען מאכט ביי זיך אין שטיב דאס דארף מען עסען, אין נישט מער.

ח. אויך ווילען מיר מעורר זיין אויף פסח אין אַגאנץ יאר אז מען האלט פסח גרינג צי פארלאָזען זיך אויף געוויסע שאלות וואס דער חבר אָדער שכן האט אויך געהאט, אין דער דיין ומו״צ האט יענעם געפאסקענט כשר איז במילא פאר אים אויך כשר, דאַרף מען וויסען אז מען טאָר זיך אויף דעם נישט פארלאָזען, ווייל טיילמאָל זענען געוויסע טיילען אַנדערש געווען ביי יענע שאלה, וואס טיט במילא ענדערן דעם הלכה ביי די שאלה.

דאס פאלגענדע איז א באקוועמליכע טשעק־ליסט וואס דערמאנט וואו מען זאל בודק חמץ זיין.

זעלבסט פארשטענדליך אז די ליסטע ערצייגט **גישט אלע ערטער**, עס איז נאר א דערמאנונג פון געוועגטליכע און נישט אזוי געוועגטליכע ערטער וואו חמץ געפינט זיך און מען באדארף בודק חמץ צו זיין.

- [ ] קלאזעט
- [ ] שרייב טיש
- [ ] קאבינעט
- [ ] שיף לעדער
- [ ] מערעצין שאנק
- [ ] מלבושים, קליידער
- [ ] קעשענעס, קאפס
- [ ] בעזוליך און ארבייטס בריף־ קייסעס
- [ ] רענצליך
- [ ] שאפינג־וועגעלע
- [ ] שפאצירונג עסען־קעסטעל, (פיקניק־באקס)
- [ ] קוקיס סלוי (קוקי דזאר)
- [ ] קינדער בעטעל (קריב)
- [ ] שפיל צימער, פליי־רום, פעט הויז
- [ ] פייגעל נעסט
- [ ] אונטערען אויווען
- [ ] אונטערען פריזידער
- [ ] אונטערען קאבינעט
- [ ] טאוסטער — דאס זאל מען קלינען
- [ ] קינדער שוהלע באטעל, בריף־קייס אדער סקול בערט — קלינען און באהאלטן
- [ ] ישיבה קעסטעל (סקול לאקער)
- [ ] פאלעצעס (שעלפס)
- [ ] ספרים שענק
- [ ] דזולערי
- [ ] דזולערי קעסטעל
- [ ] בראנפען שאנק
- [ ] טלית באטיל
- [ ] שטריימל, שטריימל־קעסטעל
- [ ] ציין־בראש. דארף מען האבן א נייעם ציין־בראש פאר חוה״מ.
- [ ] קינדער בענקעל (הייטשער)
- [ ] פליי־פען
- [ ] וועגעלע (קעריטש)
- [ ] שפילצייג קאסטען (טוי טשעסט)
- [ ] אלע שפיל־צייגען (טויס)
- [ ] קינדער וועגעלעך (וואגאנען)
- [ ] שפילצייג הייזער און אלע וואס קומט אריין דערין
- [ ] קאמער צימער (סטאריטש־רום)
- [ ] סעיף
- [ ] האל־וויי
- [ ] בוידעם
- [ ] יארד
- [ ] גארטען
- [ ] גאראג׳
- [ ] ארבעט רום (ווערק שאפ)
- [ ] קאר, טראק, גלאף קאמפאטמענט
- [ ] אפיס
- [ ] סטאר, געשעפט
- [ ] פעקטערי
- [ ] פארטש (טעראסע)
- [ ] זייפען (זייפען און פערפיום זאלען נישט גענוצט ווערען)
- [ ] קאסמעטיקס, כשר לפסח (נאר פאר חוה״מ,)
- [ ] בענטשערליך זאל מען אויסרייניקען (באהאלטען ביז נאך פסח)
- [ ] ספרים וואס מען נוצט פסח זאל מען נישט לייגען אויפן עס־טיש
- [ ] קליידער וואס הענגען אין שאנק מוזען אדורך געקוקט ווערען
- [ ] וועקיום קלינער. אויסרייניגן און אוועקווארפען דעם בעג
- [ ] בעזעם (ברום). אויסוואשען אים
- [ ] בענקלאך — צווישען די בענקלאך
- [ ] רעדיעטער, אונטערן רעדיעטער, איבערהויפט אין בתי מדרשים
- [ ] ראגס וועקיומען, איבערויפט שעג
- [ ] חלה בעקעלעך, קלינען און באהאלטען
- [ ] ברויט־קאסטען, קלינען און באהאלטען
- [ ] פריזער
- [ ] בייסמענט

# BEDIKAS CHOMETZ CHECKLIST

**The following is a convenient checklist which itemizes many places and objects which require BEDIKA but are, at times, not so obvious and thus possibly overlooked.**

( ) Under beds
( ) Clothes closets, chests
( ) Linen closets
( ) Desks
( ) Cabinets
( ) Drawers
*( ) Medicine chest
( ) Clothes (pockets, cuffs)
( ) Purses, pocketbooks, handbags
( ) Shopping cart
*( ) Picnic basket
*( ) Cookie jar, bread box, toaster, candy dish
( ) Crib
( ) High chair
( ) Playpen
( ) Carriage
( ) All toys
( ) Toy chest
( ) Childrens toy carriages and wagons
( ) Toy houses and their furniture
( ) Storage room
( ) Safe
( ) Laundry room
( ) Freezer
( ) Basement
( ) Hallways
( ) Attic
( ) Yard
( ) Garden
( ) Garage
( ) Workshop
( ) Den
( ) Office Desk, drawers lockers, closets etc.
( ) Factory Store
( ) Automobile, Truck
( ) Beneath car seats Remove car seats
( ) Auto glove compartment, under mats, trunk
( ) Pet house, bird cage (Animal food is probably CHOMETZ)
( ) Behind refigerator, sink, oven, kitchen cabinets
( ) Perfumes, hairsprays deodorants
*( ) Briefcase, school bags attache case
*( ) Lunch box
( ) School locker
( ) Kitchen utensils Broiler, blender, mixer, can opener
( ) Shul locker or cubby
( ) Shelves
( ) Bookcases
( ) Breakfront
( ) Seforim closet and seforim
( ) Book closet and books
*( ) Bensherlach
( ) Jewelery
( ) Jewelery box

( ) Cosmetics....Only KOSHER L'PESACH should be used; (Cosmetics are forbidden on Shabbos and Yom Tov)
( ) Bar (whiskey is CHOMETZ)
( ) Talis bag
( ) Suitcase, valise, travel bags
*( ) Tooth brush (A new tooth brush is required for Chol Ha'moed; it
( ) Discard vacuum cleaner bag
( ) Vacuum floors
( ) Thoroughly wash, clean and vacuum shag rugs and carpets
( ) Wash "broom"
( ) Infant seat
*( ) Cook books
( ) Sink trays
( ) Garbage pails
( ) Garbage cans
( ) Behind radiator
( ) Telephone (remove speaker cover)
*( ) Shabbos 'Zimiros' books
( ) Storage bins
*( ) Chalah utensils, vases, decanters used for chometz (e.g. whiskey)
( ) Country cottages
( ) Backs of chairs, seats
( ) Cover sink spout, handles
( ) Clean oven, range, grates
( ) Clean sink, refrigerator

* These items should be thoroughly cleaned and then "stored" away for the duration of Pesach.

# דברי אלוקים חיים

הַכְזוֹנָה יַעֲשֶׂה אֶת אֲחוֹתֵנוּ

## א

פעם אחת התווכח הרב הקדוש רב ייב"א ז"ל מאוסטראה עם הרב הקדוש ר' פנחס מקוריץ ז"ל, באיזה איסור נכשלים יותר בדור הזה. הרב ייב"א אמר, שהאיסור הגדול ביותר עכשיו, הוא מה שמדברים בבית-הכנסת דברים בטלים בשעת התפילה, ור' פנחס אמר, שמכשול גדול יותר הוא, מה שבנות ישראל העניות הולכות לבית ה„פריצים" הנכרים למכור להם עופות ודגים ושאר צרכי אוכל, כמו שהיה נהוג אז בעיר אוסטראה, ועל-ידי-כך יש חשש שלא יבואו לידי יחוד. כל אחד מהצדיקים התעצם בדעתו, והרבה בטענות והוכחות לבסס את דבריו, והתאמץ להטות גם את דעת חברו לדעתו. לסוף הסכימו לפתוח אחד מחמשת חומשי תורה, והפסוק שיפול עליו מבטם ראשונה יוכיח להם עם מי הצדק. נזדמן להם חומש בראשית, פתחוהו, וראו בסקירה ראשונה את הפסוק „הכזונה יעשה את אחותנו", ונמצאו דברי ר' פנחס קיימים. אז אמר לו תיכף הרב ייב"א:

— נראה נא איך יונתן בן עוזיאל מתרגם פסוק זה.

הביטו בתרגום-יונתן, וראו שמתרגם כך: „לא יאי למהוי מתאמר בכנישתהון דישראל (ובתרגום ירושלמי: ובבית מדרשיהון") דסאיבו... לברתיה דיעקב", הרי שכל חומר הדבר הוא, שלא יבואו לדבר מזה בבתי-כנסיות ובתי-מדרשות של ישראל; נמצא שצדקו דברי שניהם, בחינת „אלו ואלו דברי אלוקים חיים".

בעזהי"ת

ב"ה, תמוז
תשל"ח
נומער 14

# בולעטין

פון הרב שלום יהודה גראָס

# למען קדושת ישראל

## די אומווערדיגקייט פון טעלעוויזיע

עס איז קלאר באוויסט פאר יעדן ערליבער איד די גרויס אומגליק פון דעם אומווירדיגע אויפרייס מאשין וואס ריפט זיך טעלעוויזיע, וואס האט געמאכט א גרויסען אומהיילבארען אויפרייס אין ווינקעל פון קדושה וטהרה, מיט וועלכען דאס אידיש פאלק איז באקרוינט.

זינט דאס פריצות האט אויסגעשפרייט אירע טונקעלע פליגעל איבערן אידישען הארויזאנט איז נאך אזא כלי משחית ומחבל נישט געווען, עס רייסט אוןווארצעלט אויס יעדעס פינק פון צניעות, קדושה וטהרה, עס פארגיפטעט דעם מאראל גענצליך, עס נעמט אוועק דעם אמת'דיגען ציהל פון לעבן, און פארוואנדעלט אלעם אין א וועלט פון תאות און פארשווענדעניש ווי די בעלי חיים.

עס לאזט זיך גארנישט מיט א פען באשרייבען וויפיל הייזער עס האט חרוב געמאכט, וויפיל קינדער אראפגעפירט פון ריכטיגען וועג, וויפיל רוצחים, מיט אנדערע הולטייניקעס עס האט אויפגעשטעלט, עס איז איבריג צו זאגען אז אין אזא שטיב ווי אזא כלי עקזיסטירט טאר מען קיין אידיש ווארט נישט זאגען (כמבואר בדפ"ק, להגה"ק מהרצ"ה מדינוב).

עס איז ערגער פון עבודה זרה, ווייל דער כלי ברענגט צו עבודה זרה, גל"ע, שפיכות דמים מיט רציחות, ווי די גדולי התורה פון חוץ לארץ און ארץ ישראל זאגען עדות (זעה ווייטער די קול קורא'ס), דערפאר איז נישט קיין וואונדער פארוואס א איד וואס עס צאנקט נאך אין אים דאס אידיש פייער'ל פון אמונה טהורה, האט נישט דעם מינדעסטן געדאנק אזא כלי אריינצולאזען ביי זיך אין שטיב, מדקדקים ויראי ד' גייען נאך א שטאפעל ווייטער און זענען גאר מקפיד נישט איבערצוטרעטן דעם שוועל פון א שטיב ווי אזא כלי געפינט זיך.

אבער צום גרויס צער און ווייטאג איז אין דעם געביט אויך ענשטאנען א פירצה, וואס קען ברענגען גרויסע שטרויכלונגען (ד' ירחם) פארהאנען שטיבער וואס זענען אין פרינציפ זייער שארף קעגן טעלעוויזיע, אבער ווען עס פאסירט עפעס אינטערעסאנט ערגעץ אין דער וועלט קומט דער בעל דבר און מאכט א בלבול וטמטום המוחות (פארמישט דעם שכל) און געט צו פארשטיין מיט זיסע הסברים אז אזא צייט טאר מען זיך נישט באגעניגען מיט בלויז הערן די נייעס, נאר מען מיז עס אליינס זעהן מיט די אייגענע אויגן (מכלומרשט) און דער עולם גייט ארום צוקאכט זיכענדיג א שכן, א קרוב, סתם א גוטער פריינט וואס האט דעם עגל הזהב כדי ח"ו נישט צו פארפאסען אזא גאלדענע געלעגענהייט צו קענען זעהן מיט די אייגענע אויגען ווי גויים און פושעים וואס השי"ת האט אונז אפגעטיילט פון זיי (ואבדיל אתכם מן העמים) קומען זיך צוזאמען און פארברענגען די צייט.

ווי אזוי קען דער זעלבער איד אויפשטיין דעם אנדערען צופרי און מאכען די ברכה (לבטלה) „**שלא עשני גוי**" און די צייט וואס ער לעבעצט און גייט אויס צו הערן און זעהן זייערע שיטות און מיינונגען?

מיט וואס פארא מוט זאגט ער „ברוך הוא אלקינו כו', והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת" און דער צייט וואס די גאלדענע טייערע שעה'ן וואס ער האט געקענט און זיי לערנען די תורה הק' האט ער אנגעברענגט מיט נארישקייטען?

מיט וואס פארא פנים בעט מען **ואל תביאנו לידי נסיון** ווען מען ברענגט זיך אליין אריין אין א נסיון? עס איז א פלא ווי אזוי (די ברכים שלא כרעו לבעל) די וואס האבען ב"ה בכח צו **דערווייטערען דעם געטשיק** אגאנץ יאר קענען נישט און פאלען אדארך פון אזא קליינעם נסיון וואס איז בלי ספק מעשה בעל דבר פורץ צו זיין דעם צוים פון די אלע מדקדקים.

אויסער אלעם ווינדערט זיך זייער שטארק פון וואנען עס נעמט זיך דאס גרויס חשק פאר א איד וואס לערנט, דאווענט, און טיט נאך צענדליגע מצות ומעשים טובים טעגליך, צוליב וועלכען ער איז באשאפען געווארען, עטליבע מאל אין טאג שרייט ער אויפן קול שמע ישראל וגו' ד' אחד. דוקא פאר אים איז אזוי אינטערעסאנט צו זעהן און הערן און שלינגען מיט דורשט רייד וואס ווערען געזאגט דורך געמיינזאמע ברואים, בעלי תאות עולם הזה'ניקעס, וואס ווייסען

גארנישט א גאנצען טאג נאר עסען טרינקען הולטייען א. ד. ג. וואס פאו"א יר"ש קען דאס ברענגען, וואס פארא בטחון מיט אמונה ברענגט דאס, אדרבה, עס טריקענט אפ דאס לעצטע ביסעל ערליכקייט מיט תמימות פונם אידישען הארץ, כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט אמאל געזאגט (בזה"ל) ווי פאר די אויגען וואס זעהן די אויגען וואס האבען געזען טעלעוויזיע.

## וואס זענען די פרובטען פין אזא געפירעכץ ?

א) מען ברענגט אריין אין זיך דעם יצה"ר בכלל פין קויפען – אדער קיקען א גאנץ יאר.

ב) **מען לייגט צוגרינד די קינדער** ווייל שוין אפגערעדט פין די קינדער וואס מען נעמט מיט צום קיקען, נאר אפילו די קינדער וואס בלייבען אינדערהיים וויסענדיג אבער וואס זייערע עלטערן טוען איז דאס שוין פאר זיי גענוג באווייז אז עס איז נישט געפערליך דאס קיקען, און אפילו די עלטערן זאלען וועלן ערציעהן די קינדער מיט א אנדערע מיינונג, איז עס זעלבסטפארשטענדליך אומזיסט דורכדעם וואס זיי ווייסען אז די עלטערן האלטען נישט דערביי מיט זייער קעגענזייטיגע אויפפירונג, אויסערדעם וואס קיין סייעתא דשמיא האט מען נישט צו אזא סארט חינוך, (וואס דאס איז דאס וויכטיגסטע).

ג) **ביטול תורה**, אויב מען האט צייט, איז מען מחויב צו לערנען.

ד) און דער **חילול השם** וואס איז אומשאצבאר גרויס, ווייל דער מאדערנער (אדער פרייער) שכן וואס לאזט אריין צו זיך דעם ערליכען קיקען, הייבט אהן צו קיקען מיט אנדערע אויגען אויף די ערליכע, היתכן נעבטען שרייט מען! מען געוואלדעוועט, אז דאס איז טמא ומטמא, און היינט לויפט מען קיקען, טייל זאגען דאס ארויס עפענטליך, אנדערע טראכטען דאס ביי זיך, און ווי שעמט מען זיך טאקע נישט פאר זיך אליינס דאס צו טוען.

## וויכטיגע ווארענונגען

א) מען דארף געווארענט זיין אויב מען שיקט קינדער צו א חבר אדער א נאנטע משפחה, אז דארט זאל נישט זיין די כלי, כדי דאס קינד זאל ח"ו נישט זעהן וואס מען טאר נישט, און אפילו עס איז בלויז א ספק זאל מען מחמיר זיין ווייל דא האנדעלט זיך פין דיני נפשות.

ב) דאס זעלבע דארף מען אויך אכטונג געבן אז די קינדער זאלען זיך נישט אפשטעלן ביי די געשעפטן פין די מחטיאי הרבים (וואס מאכען זינדיגען אנדערע) וואס נישט נאר וואס זיי פארקויפען די זאכען נאר זיי עפענען די כלי כדי אלע דורכגייער זאלען קיקען, עס איז א מצוה גדולה וזכי' רבה ווער עס טוט דערצו אז די געשעפטען זאלען נישט אנשטעלען דעם טעלוויזיען (בדברים רכים וקשים).

ג) מען דארף אויך אכטונג געבן אויב מען מיז ל״ע אנקומען צו א שפיטאל, סיי אליינס סיי איינער פין הויזגעזונט זאל מען נישט גרינג האלטען דאס קיקען, ווייל דער פאקט האט געוויזען ביי פארשידענע פאלען אז פין דעם זענען שוין אסאך אוועק פין אידישען וועג ל״ע, (מען האט זיך פאר מיר אויך מודה ומתוודה געווען דערויף).

ד) און דאס זעלבע אויב מען פארט אין פליגער (עירפלעי״ן) טאר מען נישט ח״ו גרינג האלטען און קיקען כאטש עס קימט נישט אהן גרינג דאס צו פארמיידען, און דער יצה״ר איז דארט שטארקער ווייל מען זעט נישט וואס ער טיט, אבער השי״ת זעהט איבעראל.

ה)אויב מען זיצט אין ווארט זאל פין א דאקטער, איז מען נישט בארעכטיגט צו זעהן טעלעוויזיע, און אפילו פין נעמען די ביכער וואס ליגען דארט אין די הענט זאל מען זיך היטען ווי פין פייער.

ו) די אלע וואס דריקען צייטונגען, ביכער, וואס טויגען נישט מאכען זינדיגען דעם רבים (שו״ע או״ח סי׳ ש״ו סעי׳ ט״ז), דאס זעלבע מיט די סוחרים וואס פארקויפען דאס (שו״ת מחנה חיים סי׳ א׳, מ״ב ש״ו ס״ק ס״א), זייער שטראף איז, זאגט די גמרא אז מען לאזט זיי פין הימעל נישט תשובה טוהן, זיי פארלירען די פרנסה, און יסורים קומען אויף זיי, און ער פאלט אריין אין גיהנם (מ״ב בבה״ל), כ״ש די אלע וואס פארקויפען טעלעוויזיעס און ראדיאס.

ז) [אינאיינוועגס ווילען מיר טאקע אויפמערקזאם מאכען קעגן די אלע וואס לייענען שבת צייטונגען אפילו כשר׳ע, אדער אפילו סתם רעקלאמען (Advertizments) וואס זענען אנגעהאנגען איבעראל, אז לויט די פוסקים איז דאס א איסור גמור, צו לייענען שבת (שאילת יעב״ץ, שע״ת ש״ו, כלכלת שבת, יסוד יוסף, שלחן ע״ש, נדר ישראל, מ״ב סי׳ ש״ז, ס״ג). **ומצוה לפרסם ברבים.**

## נוסח קול קורא

### איבערזעצונג פון דעם הארבען חרם קעגן טעלעוויזיע וואס איז געווען געדריקט אויף לשון הקודש און צושפרייט „אייר תשכ״ח״ אין ירושלים עיה״ק

דער טמא׳נע כלי וואס איז פאראומווערדיגט פין השי״ת, דער פארמיאוס׳טע טעלעוויזיע וואס האט געמאכט גרויסע חורבנות (פין נשמות) אויף דער וועלט, וואס האט אין זיך די דריי ערגסטע עבירות [עבודה זרה, אפיקורסת, מינות – גילוי עריות, אלע געמיינסטע ערגסטע זאכען פין דער וועלט, – שפיכות דמים דורך די קיקערס וואס זענען פארדארבען געווארען קיקענדיג, און געווארען רוצחים], און האט שוין פארדארבען אידישע זיהן און טעכטער, צובראכען גאנצע שטיבער פין זייער קדושה און טהרה, כו׳, און דעריבער ריפען

מיר אויס לויטען דין פין די תורה

# א הארבען חרם אויף דער טעלעוויזיע

## און יעדע אידישע שטיב וואס וועט אריינעמען דעם טמא׳נע טעלעוויזיע אין זיך וועט דער סוף אירע זיין א חורבן, און פארוויסטעניש רח״ל מיט קללות, און חרמות.

מען טאר אויך נישט פארדינגען א דירה צום וואוינען אדער געוועלב פאר די וואס האבען דעם כלי.

מען טאר אויך נישט האנדלען מיט דעם, דעי וואס טוען אנדערש זענען מחטיאי רבים (מאכען זינדיגען מענטשן) און זייער זינד איז זייער גרויס.

אויף די עלטערן, מלמדים, און לערערינ׳ס ליגט דער פליכט צו ווארענען מיט גאנצע שטרענגקייט און הארבקייט די אינגלעך און מיידלעך נישט צו קיקען טעלעוויזיע אין ערגעץ נישט ווייל דאס שעדיקט די נשמה ח״ו.

נאום פנחס בהגר״י זצ״ל עפשטיין, ראב״ד

נאום ישראל יצחק הלוי רייזמאן　　נאום דוד הלוי זונגרייז


רשימת ספרים חדשים ונכבדים
נחוצים לכל בית ישראל לימי הפסח

דער ספר
אפיית המצות השלם
וואס אנטהאלט דריי חלקים.
אלע דינים פון שניידען די ווייץ ביז נאכען באקען און חלה נעמען, און אויך מנהגים פון די צדיקים ביים באקן מצות, מיט צענדליגע וויכטיגע ענינים וואס זענען נוגע צו מצות פסח און אנדערע ענינים.

און אויך דער ספר
אכילת מצות בישראל
וואס אנטהאלט זיבען חלקים.
א רייכער אוצר פון אלע דינים וואס געהערן צום עסן מצות פונעם סדר פסח ביינאכט ביז סוף יו״ט, און אויך אלע דינים פון געבראקטע מצה מיט צענדליגע וואונדערליכע מעשיות פון צדיקים וועגן פסח מיט א קלארן באריכט וועגן כשרות פון מעדיצינען פון פסח און א גאנץ יאר. ווי אויך א פולער קונטרס. א קיצור פון אלע אקטועלע הלכות פון פסח לויט דעם פסק דין פון הג׳ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין איז שוין דא צו באקומען ביי מוכרי ספרים און אויך ביים מחבר.

דער פרייז פון פסחדיגן סעט $9.50, דמי משלוח $1.50

RABBI S. J. GROSS
4711 - 12th Ave., Brooklyn, N.Y. 11219 — 436-8086

# בולעטין

**פון הרב שלום יהודה גראָס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'"
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות; מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה,** (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי'** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס.**

# אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען

מיט א צובראכען געמיט און שווער הארץ זענען מיר געצוואונגען נאך א מאל צו שרייבען איבער די פרשה פין פרויען דאקטוירים חאטש עס איז נאך נישט פאראיבער א יאר וואס די וועלט איז אויפגעטרייסעלט געווארען נאך דעם ווי מיר האבען א ביסעל אויפגעקלערט דעם גרויסען מכשול וואס גייט פאר ווען פרויען באזוכען דאקטוירים, פון דעסטוועגען דאך מוזען מיר נאך אמאל אפעלירען און דער עפענדליכקייט צו אלע אידישע טאטעס און מאמעס וואס שטרעבען צום אמת'דיגען ריינעם ציהל פון אנפירען א עבט כשר'ע אידישע שטיב, און האפען מיט השי"ת הילף צו זעהן ערליכע אידישע דורות מיט אסאך נחת דקדושה.

לאזט נישט איבער דעם עיקר! און למען השם ותורתו הק' טוט איבער אייער מעגליכקייט אז אייער הויז געזונט זאל ווערן אונטערזיכט אויסשליסליך נאר דארך א דאקטערין (פרוי דאקטער) און אויב נישט דארף מען געווארענט זיין עס זאל ח"ו נישט זיין קיין יחוד.

דא איז נישט דער ריכטיגער פלאץ אראפ צו שרייבען אויספירלעך וואס מיר האבען זיך פריש אנגעהערט דעם פארגאנגענעם יאר, פון שוידערליכע, גייסטישע, טראגישע, שטרויכלונגען פון פרויען באזוכען וואס איז ארויס געקומען צוליב ווייניג זהירות און איסור יחוד און איסור קורבה

די האר שטעלט זיך איינעם קאפויר, דאס הארץ ווערט פארציטערט, און דער גאנצער קערפער צוטרייסעלט, פון יעדע מעשה באזונדער. מי יתן עיני מים וכו׳ . . .

מיר וועלען צוטירען דעם לשון פון הגה״צ מהר״ם שטערן אבדק״ק דעברעצין שליט״א, וואס שרייבט וועגען דעם ענין פון פרויען דאקטורים. וז״ל:

איך האב שוין גערעדט באריכות אין מיין ספר באר משה (ח״ג-ח״ד) וועגן דעם הארבקייט וואס יונגע פרויען מיט יעדע קליינקייט גייען זיי צו א מענער דאקטער, וואס דאס איז א געוואלדיגע איסור, ווי עס איז טרויעריג באוואוסט אז די היינטיגע דאקטוירים זענען כמעט אלע גרויסע בעלי עבירות און בעלי תאוה דערפאר **איז דער פליכט אויף די פרויען צו גיין צו א דאקטערין** (פרוי דאקטער).

נאר אין אויסנאם פאל מיט א ערנסטען ענין וואס מען קען בשום אופן נישט גיין מיט דעם צו א פרוי דאקטערין, דאמאלט איז מותר אויך א מענער דאקטער, אבער דער איסור יחוד שטייט אונז נאך אלס אין וועג, נאך מער עס געפינט זיך צווישען אונז א דאקטער א רשע וואס האט שוין ציבראכען אסאך אידישע שטיבער, אין איך קען אפילו צוויי פין דעם סארט ביים נאמען, לעצטענס איז מען אויך געקימען צו מיר אין דערציילט מעשיות וואס די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר.

עפ״י הלכה איז מען כמעט מחויב מפרסם צו זיין די נעמען ווען נישט וואס עס איז פשוט א סכנה, און ווער ווייסט וויפיל אזעלכע דאקטוירים געפינען זיך צווישען אונז וואס עס איז נאכנישט נתגלה געווארען זייערע נעמען, און עס שוועבט א רוחניות׳דיגע סכנה אויף אלע פרויען וואס גייען צו זיי, וכו׳.

דעריבער דארף יעדער אפגעהיטענער איד משתדל צו זיין אויסשליסלעך צו ניצען פאר די בני בית פרויען דאקטערענ׳ס, און אזוי ווי נישט יעדער איז באקאנט ווי אזוי מען קען אנקומען צו די פרויען דאקטערענ׳ס און אויך צו וואס פאר א קראנקהייטען מען קען האבען פרויען דאקטערענ׳ס. דעריבער טוען מיר דא בא הויפטען אז עס זענען דא היינט צו טאג א סאך פרויען דאקטערענ׳ס וואס ספעציאליזירען זיך און אלע סארט געביטען און א פרוי וואס וויל זיך פירען בצניעות האט די גלעגענהייט צו האבען פרויען דאקטערענ׳ס אויף אלע געביטען. אין יעדען שפיטאל קענט איר באקומען א ליסט פון די דאקטערענ׳ס פון זייער שפיטאל.

אין וויליאמסבורג קען מען שוין היינט צו טאג האבן א פרויען דאקטערין וואס אקצעפטירט מעדיקעיד אינעם בילדינג וואס רופט זיך
Division Medical, 138 Division Ave., Tel: 387-2408.
אין דעריבער איז א חוב קדוש אויף יעדען וואס פארמאגט נאך א פינק יראת שמים צו נוצען אויסשליסליך די דאקטערין.

מיר האבען שוין אפגעדריקט און אונזערע חיבורים אהלי ישראל, קדושת ישראל (על ה׳ יחוד וכל עניני צניעות וקדושה שבד׳ חלקי שו״ע) א פולען ליסט פון פרויען דאקטערנ׳ס. די פינקטליכע אדרעס פון די אופיסעס, און אויך אין וועלעכען שפיטאל זיי פראקטיצירען.

גלייכצייטיג ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אז עפ״י הוראת הגאונים המובהקים פוסקי דורינו שליט״א:

**הגה״צ מוהר״ר יצחק יעקב ווייס שליט״א ראב״ד ירושלים**
**הגה״צ מוהר״ר שמואל הלוי ואזנר שליט״א ראב״ד בני ברק**
**הגה״צ מוהר״ר יוסף גרינוואלד שליט״א אבדק״ק פאפא**
**הגה״צ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין**
**הגה״צ מוהר״ר רפאל בלום שליט״א אבדק״ק קאשוי**
**הגה״צ מוהר״ר אברהם לייטנער שליט״א אבדק״ק מאנטעווידעיא**

איז יעדער איד שעמדו אבותיו על הר סיני מחויב (פינקט ווי ביי אנדערע מצות זאכען און נאך מער) זיך משתדל צו זיין אויף זיין בני בית זאלען נוצען נאר א פרוי דאקטערען, און דאס איז נאר לכתחילה, אויב צוליב א סיבה איז נישט מעליך דאמאל׳ס בדיעבד, זאל מען אבער אכטונג געבען עס זאל נישט צוקומען צו יחוד, דאס מיינט אדער איר מאן זאל איר באגלייטען און זאל איר ווארטען אין ווארט זאל, דער דאקטער זאל אבער וויסען אז דער מאן איז דארט, אדער איינער פון די 7 קרובות (עיין באבה״ע סי׳ כ״ב ובספרי קדושת ישראל פרטי הלכה זו) זאל איר באגלייטען צום דאקטער, אבער צו זיין אליינס מיטען דאקטער אין זיין אפיס איז א איסור דאורייתא, ווייל אפילו ווען זי האט זיך דארט אויף געפירט עפ״י התורה האט מען דאך עובר געווען א איסור תורה במזיד, דאס איז איסור יחוד.

ובזכות פון צניעות אין ערליכקייט וועלען מיר זוכה זיין בקרוב געהאלפען צו ווערען מיט די גאולה שלימה אמן.

**הק׳ שלום יודא גראס**
**אבדק״ק האלמין**

# בולעטין

## פון הרב שלום יהודה גראָס

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות; מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי'** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **שמחת שלום**; (על הל' חופה וחתונה); **ושי"ס.**

# וואָרענונג קעגען סכנה!!!

## אַ רוף צו אַלע אידען

מיט גרויס צער און פארווייטוגט הארץ טוען מיר זיך פארופען איבער דעם נייעם גרויסען מכשול וואס שטעלט אין געפאר דעם גאנצען כלל פיזיש און גייסטיש, ליידער ווערען היינט צו טאג פארקויפט אין אלע גרויסע און קליינע סטאר'ס **זאקען וואס איז רעבט שעטנז**, עס איז געמאכט פון וואל און לינען, און אויסער די הארבע עבירה פון שעטנז וואס מען באגייט יעדע רגע וואס מען האט אן די זאקען, ווערען די תפילות נישט נתקבל אפילו מען ווייסט נישט אז עס איז שעטנז (כמבואר בזוה"ק) שוועבט אויך א סכנה אויפ'ן מענטש יעדע רגע ווי ער גייט און ווי ער שטייט, **ווייל דער ריקאנטי שרייבט אז א געוויסער מזיק איז באשטימט איבער אלע וואס גייען אין שעטנז און איז בארעכטיגט זיי צו שעדיגען**, קומט אויס אז יעדער מענטש איז אומווילענדיג און אומוויסענדיג צוזאם מיט זיינע קינדער איינגעשטעלט סיי אין שטיב און סיי אין די גאס מיט אלע שוידער־ליבע טראגעדישע אינצידענטען וואס קען אלס פאסירען צב"ש: האלדאפ'ס – עקסידענטען – פייער א.ד.ג. צוליב דעם וואס די שמירה עליונה טוט זיך אפ, און מען איז איבערגעגעבן אין די הענד פון מזיק אויב מען גייט ח"ו אין שעטנז.

דעריבער, דער וואס זיין לעבען און דאס לעבען פון זיינע קינדער איז איהם טייער, זאל ער זייער אכטונג געבען (חוץ די אלגעמיינע מלבושים אזוי ווי סוט'ס, מאנטעלן, קליידער; א.ד.ג. וואס מען דארף לאזען טעסטען) ביים קויפען זאקען עס זאל ח"ו נישט זיין קיין שעטנז.

די זאקען וואס האבען א לעיבעל וואס לייגט זיך Gold Toe Socks מוז מען זיין געווארענט ווייל ביי די פירמא איז דער חשש שעטנז זייער גרויס, איבערהויפט ווען עס שטייט ארויס קלאר Wool ean Linen!.

די זאקען וואס שטייט אויפגעשריבען Linnoized איז קרוב לוודאי עס זאל זיין דערין שעטנז.

און בכלל זאל מען געווארענט זיין פון וואלענע זאקען אדער לינענע זאקען נישט צו נוצען אהנע טעסטען ווייל מען קען זייער גרינג געשטרויכעלט ווערען מיט שעטנז.

מיר האבען זיך איבערצייגט ביי אסאך זאקען וואס האבען אינ־גאנצען נישט געהאט קיין לעיבל און עס איז געווען דערין שעטנז.




צמר ופשתים, שעטנז

# מותר?

**זייט געווארענט!** נאך חקירות ודרישות האבען מיר זיך דערוויסט, אז אגרויסער פראצענט פון די געפלאכטענע עטרות (סיי אין חו"ל סיי אין א"י) האבען פעדעמער פון לינען, וואס צוזאם מיט'ן וואלענעם טלית איז עס שעטנז (עפ"י שו"ע והפוסקים).

דעריבער איז ראטזאם כדי מען זאל נישט נכשל ווערען בפרט ביים דאווענען (נאך דערצו ר"ה און יו"כ און עצם יום הדין) אינעם הארבען איסור פון שעטנז, (וואס דאס מאכט קאליע דאס גאנצע דאווענען כמבואר בזוה"ק ובכהאריז"ל), און כדי דער עטרה זאל זיין אן אמת'ער קרוין פאר'ן טלית של מצוה און נישט ח"ו א מקטרג, זאל מען דאס לאזען טעסטען ווי אום שנעלסטען.

**פארגעסט נישט!** וועגען אפאר מינוט טרחא און אפאר סענט קענט איר אפלעבען א גאנצען לעבען אום געדאווענט אין אן א שמירה צוזאמען מיט'ן באגיין דעם הארבען איסור פון שעטנז; ווייל אן עטרה קויפט מען נאר איינמאל אין לעבען.

צום גרויסען באדויערן טוען מיר מודיע זיין דעם חרדישען אידענטוהם פון וויליאמסבורג און בארא פארק אז מיר האבען באקומען דירעקטע טעלעפאנישע רופען פון אנשים מהימנים, אז טראץ דעם גרויסען אחריות פון שעטנז געפינען זיך נאך איינצעלע געשעפט'ס לייט וואס טוען פארזיכערען די קונים אז זייערע בגדים האבען נישט קיין שעטנז, חאטש עס איז נישט אונטערזיכט געווארען.

מיר בעטען למען השם ותורתו הק', אז יעדער און וועמענס אויגען די מצות פון השי"ת זענען הייליג, און זיין לעבען מיט די לעבען פון זיין הויז געזונט איז אים טייער, זאל זיך נישט לאזען פארפירען פון אזעלכע רייד, און בשום אופן נישט אנטוען א בגד ביז עס איז נישט אונטערזיכט געווארען פונעם שעטנז לאבאריטארי, ווייל אן דעם איז עס פינקט ווי עסען פלייש אן קיין שום השגחה! און נאך ערגער.

ובזכות שמירת המצות וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען אין גיכען. אמן.

אין דעם זכות פון **קבלת התורה והמצות כהלכתה** וועלען מיר זוכה זיין ניצל צו ווערען מכל צרה ח"ו און במהרה געהאלפען ווערען מיט א גאולה שלמה אמן.

הק' **שלום יודא גראס**
אבדק"ק האלמין

# ווײ־געשריי פון האַלמינער רב איבער׳ן מצב

## פון דין־תורה׳ס וועגען שלום בית

ב״ה. תשל״ט

**בולעטין**

**פון הרב שלום יהודה גראָס**

רב דקהל מגן שאול ד׳האלמין ור״מ בישיבה וכולל „בית ישעי׳״ מכון להוראה בשחיטות ובדיקות.

בעהמ״ס אסיפת המצות השלם (י׳ חלקים), גידולי יהודה (על הלכות ציצית), שו״ת זבחו זבחי צדק (על הלכות שו״ב), חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות), מדריך לצניעות, מזוזת שלום (על הל׳ מזוזה), מנוחת שלום (הדרכה לכשרות), מנחת יהודה (על חומר איסור חלב עכו״ם וסימילאק), נפש ישעי׳ (על מאכלות אסורות, ה״ח), קדושת ישראל (על הלכות יחוד) ושו״ס

בס״ד

דער נביא (ירמי׳ יחזק׳) זאגט ואמרתי לא אזכרנו ולא אדבר עוד בשמו והי׳ בלבי כאש בוערת עצר בעצמותי ונלאתי כלכל ולא אוכל (ירמי׳ כ, ט).

איך באנוץ די מאַטאָ פון דעם נביא׳ס רייד אלס הקדמה צו מיינע רייד איבער דעם אנגע־ווייטאגטען פראבלעם פון דין תורה׳ס אין אמע־ריקע, פון וועלכן עס הערט זיך אזוי אפט דער ווייגעשריי פון די באַעול׳טע און באטריב־טע, אבער לײדער בלײבט זייער געשריי א „קול קורא במדבר״ אין מען קען אויף זיי זאגן די ווערטער פון שלמה׳ע״ה „ואראה את כל הע־שוקים אשר נעשים תחת השמש והנה דמעת העשוקים ואין להם מנחם״ וגו׳ (קהלת ד׳), טרערן פון באַרויבטע וואס האבן גיט קיין טרייסט.

פיל ווענדען זיך צו מיר מיט טענות היות איך גיב ארויס ספרים און קום ארויס אפט אויף אויף די שפאלטען פון צייטונג מעורר צו זיין אויף פארשידענע פרצות, הלמאי מען הערט נישט מיין שטימע אויף וועגען דער וואקכא־נאליע און הפקרות וואס הערשט אין דעם פעלד פון דין תורה׳ס, וואס פארדינט פארצוג אויף מעורר צו זיין.

איז הגם די זאך ברענט אין מיר, אבער דאך האב איך זיך אפגעהאלטען פון אלארמירען די עפענטליכקייט, און דאס נאך מיין ביטערער ערפארונג אויף דעם געביט פון כשרות וואס איך בין געווען דער ערשטער צו אלארמירען און רופען די עפענטליכקייט צו וואכזאמקייט דורך מיינע ספרים „נפש ישעי׳״, ז׳ חלקים, ווי אויף דורך אנדערע וועגען פאר וועלכע איך האב באצאלט מיט אומענדליכע פארפאלגונגען און רדיפות אויף דעם גרויזאמסטען אופן, מיט דראאונגען און פינאנציעלער טאטאלער רואי־נירונג, וואס ווען נישט זכות אבות וואלטען מיר דאס נישט אויסגעהאלטען.

מיר האבן גענומען מעורר זיין איבער ענינים ווי ציצית, מזוזות, יחוד, סימילאק, ועוד וואס בארירט קיינעם נישט און קיינער האט קיין סטאק אין זיי, אבער אדאנק מיינע ספרים בין איך געווארען א צענטראלער אד־רעס וואו עס קומען אן אלע ווייגעשרייען און הארץ־רייסענדע עוולות, האפענדיג ביי אונז צו געפינען א הערענדיג אויער, בפרט אין שלו׳ בית פראבלעמען, און מען ווענדעט זיך צו אונז, אין מיר פרובירען צו העלפען אויף א שטילן באשיידענעם אופן ווי ווייט מעגליך, און ברענ־גען שלו׳, און דארט וואו שלו׳ האט קיין באזיס, צו הערפירן צו א גט און שיידונג.

אבער לעצטענס ווען מיר האבן זיך נענ־טער באקענט מיט דעם פראבלעם זעען מיר אז וואס מיר פארריכטען קומען אנדערע און מאכן קאליע, און די אנדערע זיינען נישט קיין אנ־דערע נאר געלט־יגערס, פארשטעלט מיט א

רבנ'ישען נאמען און טראכט, צו ווערמען די אומגליקליכע מוזען אנקומען צו דערפירען צו א גט (ועי' בספרי מנוחת שלו' עמוד ב' באריכות).

אין די מערסטע פאלן. ווען א פארפאלק מוז זיך שיידען, איז עס ווייל די צוויי זיינען פון אנדערע כאראקטערן, ווען דער יונגערמאן אדער פרוי איז פון אן אידעלער נאטור און דער צד שכנגד איז נישט קיין אידעלע און איז זאגאר א גראבער נאטור און פארפאלגט זיין אדער איר בן־זוג אויף אן אומדערטרעגליכען אופן און עס בליבט נישט קיין אנדערע עצה ווי זיך צו שיידען; אדער אמאל איז דאס א געזונטהייט פראבלעם א. ד. גל. וואס מאכט אוממעגליך דאס צוזאמענלעבען.

ווען דער פארפאלגער ווערט אויפגעפאדערט פון א בי"ד צו געבען א גט, האט ער באלד אן אדרעס פון א פיפיגען „בורר" מיט וועמען עס קומט צו א דין תורה, און דער שטעלט באלד ארויס אסטראנאמישע געלט־פאדערונגען, כדי נושא חן צו זיין ביי זיין קליענט דעם פארפאלגער און זיך ערוועריבען א נאמען אלס גוטער בורר און די"ת־געווינער, וועלכער מאכט אלע אומרעכטן פאר רעכט. און דאס ר"ל אין נאמען פון דער תורה, וואס ער פארקרומט דעם פשט און פעלשט. ווען דאס איז ביי א געלט־דין־תורה איז דאס גענוג טראגיש און די פאלגען קענען זיין היטערע, אבער נאך מער טראגיש און בלוטיג איז עס ביי א שלו' בית דין תורה ווען דער געלט־פרעסער זויגט ארויס פון א בלוט־ארימאן בלוטיג געלט וואס דער ארימער ווערט רואינירט אויף דעם גאנצן לעבן, נאר ווייל דאס געווער פון גט איז אין זיין האנט.

אין פאל ווען מען זעהט איין אז דאס צוזאמענלעבן איז נישט מעגליך, איז דער מאן אדער פרוי מחויב צו געבען אדער נעמען א גט, און דאס געלט נעמען פאר א גט איז אומבארעכטיגט, בפרט נאך ווען דער געלט־פארלאנגער איז דער מאן וועלכער פרעסט ארויס געלט נאר ווייל ער האט דעם גט־געוועער אין האנט, און ער איז ניט בעסער פון דעם באנדיטישן האלדאפניק, און ווען די אריינגעפאלענע אומגליקליכע משפחה איז נישט אומשטאנד צוצושטעלן די פארלאנגטע סומע פירט דאס צו יארען פון ליידן און עיגון משפחה, וואס עס איז באקאנט ווי אונזערע חכמים האבען פאר דעם געווארנט און אומערמידליך געארבעט. איז אנשטאט רבנים וועלכע דארפן גיין אין זייערע פוסטריט זאלען געבען צו פארשטיין דעם מאן אדער פרוי נישט צו באשטיין אויף זייער פאדערונג וואס איז נישט בארעכטיגט אין די מערסטע פאלן און עס איז נישטא קיין סימן ברכה אין אזא געלט, און ווען דער פון אריבען וויל איינעם געבען וועט ער געבען אויף יושרדיגע אופנים, טרען זיי נאך די אזוי־גערופענע רבנים ערמוטיגען די גזילה, שומו שמים!

דעריבער קען איך נישט בלייבען פאסיוו און גלייכגילטיג, ווייל דאס האט שוין באריהרט די סטרונעס פון מיין הארץ, וועלכע פילט־מיט דעם ווייטאג פון די בע'עול'טע און אינאיינעם מיט זיי שרייען מיר ארויס מיט א וויי־געשריי, אין הגם מיר האבן נישט מאמענטאל קיין עצה ווי צו צוימען די איבלען און ארונטערריסען זייער רבנ'ישע מאסקע, דאך האבען מיר געפונען איין פראקטישע עצה וואס מיר ווילן געבען פאר די אלע וואס דארפען האבען א דין תורה און האבען נישט קיין צוטרוי צ.ם בית דין; זאלען זיי זיין פארזיכטיג ביים אונטערשרייבען די „שטרי ברורין" וואס די רבנים גיבען זיי פאר דער דין תורה אונטערצושרייבן און פארלאנגען אז די רבנים זאלען זיך פארפליכטען צו געבען זיי שריפטליך דעם „מהיכן דנתגי", דאס הייסט א שריפטליכע ערקלערונג וואו עס זאל ערקלערט ווערען ווי פאלגענד — דאס און דאס זיינען געווען די טענות ותביעות פון די צדדים און אונזער פסק איז באזירט אויף די און די הלכה'דיגע יסודות און טעמים.

און מיר ווילן אויפמערקזאם מאכען, אז אזוי פירט זיך אין ארץ ישראל ביי די בתי דינים, וואו עס ווערט שריפטליך ערקלערט יעדער פסק דין און עס איז שוין ביז היינט ארויס 15 בענדער פון פסקים.

רבנים זיינען דאס מחויב צו טאן אויב איר פארלאנגט דאס. מיר גיבן דא קורצע אויסצוגן פון פוסקים: עי' סמ"ע חו' סי' יד ס"ק כד צריך לצאת ידי שמים ולתת הטעם עיי"ש וכן מבואר בשו"ת ומהר"ח אור זרוע סי' יג הנכון לכל ירא שמים לכתוב מאיזה טעם דן אותו עיי"ש וכן כ' בשל"ה פ' משפטים קבלה מאביו כי צריך הדיין להודיע: מאיזה טעם דנו בכל ענין אפילו אין בע"ד חושדו כדי לתפיס דעתו ע"ש ועי' בת' שו"מ ח"ג סי' ק"א ע"ש ועי' קובץ הפוסקים ח"ב ע' רפ"ט בשם ת' שערי יושר דאפי' בפשרה חייב לומר מהיכן דנו דגם הפשרה צריך להיות קרובה לדין לפי הטענות. ומשו"ה אם הבע"ד אומר הורונו מהיכן דנתם חוץ מן השורה חייב הפשרן להסביר ולתת טעם לדברים דהא התוס' והרא"ש תלו טעם הדבר משום והייתם נקיים מה' ומישראל דכיון דגם הפשרה צריך להיות קרובה לדין אין נקי לשמים ולבריות אם הבע"ד צעק ולא נענה וכו'. פון די אלע פוסקים איז צו זעהן אז רבנים זיינען מחויב צו ערקלערן אויף וואס זייער פסק איז געבויט אויב ער איז א ירא שמים, און מען האט רעכט דאס צו ווייזן פאר אנדערע רבנים צו זעהן צי עס איז ריכטיג דער פסק, עי' שו"ת הב"ח סי' כג ע"ש נוב"י חו"מ א', און הגם מיר ווייסען אז עס זיינען דא רבנים וואס אנטזאגען זיך דאס צו טאן, איז דעם סוד דערפון דערציילט אונז דער נודע ביהודה ת' חו"מ סי' א' וז"ל: יפה הודה שבוודאי אפי' אם אין טעם לחושדו אעפ"כ צריך ליתן בכתב הטענות והפסק וכו' ובפרט בדורנו שהטעות מצוי' ולא חשוד אצלי שום רב שימנע מלעשות כן אם לא שיודע באמת שלא דן בצדק או בזדון או בשגגה וגם לבו ובוש מלהודות על האמת שטעה ע"ש. הערען מיר קלארע דיבורים. איז אויב דאס איז געזאגט אין דור פון נודע ביהודה מיט 200 יאר צוריק, געוויס היינט, בפרט דא אין אמעריקע, וואו מיר הערן אפט פון סקאנדאלען וואס קומען פאר, איז דער בע"ד בארעכטיגט צו האלטן יעדען פאר א חשוד און פארלאנגען אן אויפקלערונג אויף דעם פסק, אז אויב דער בי"ד אנטזאגט זיך, הויבט איך אויף און זאגט א גוטען טאג, ווייל די אורזאך זאגט איך דאך דער נו"ב און איר מעגט אים גלייבען.

השי"ת יגדור פרצותינו וישוב שופטינו כבראשונה. בכבוד רב.

**ה"ק שלו' יודא גראם**

**אבק"ק האלמין יצ"ו.**

נ.ב. אונזערע ווערטער זיינען ניט געצילט געגען רבנים אין אלגעמיין חס ושלום, נאר געגן די באקאנטע דין תורה פירערס ביי וועמען די דין תורה איז א פראפעסיע ווי אנדערע פראפעסיעס וועגן וועלכע ס'האט זיך אויסגעדריקט הרהגה"צ דער דעברעצינער רב שליט"א אין זיין שבת הגדול דרשה אז זיי זיינען פאראנטווארטליך פאר אלע אומגליקען ל"ע און ווי ער רעדט באריכות אין דעם ענין אין זיינע ספרים שו"ת באר משה חלק ג' און חלק ה'. מיר לאזען אויס מיט די ווערטער פון נודע ביהודה זצ"ל „פארמעגען פון אידן אין דעם ביטערן גלות איז דער משפט, ווער עס באריהרט עס באריהרט ער דעם שווארצאפעל פון אידישן פאלק, און ווער עס ראטעוועט אפ דאס פארמעגען פון די הענט פון די צוטרעטער איז עס גליך ווי ער וואלט געראטעוועט דעם גאנצען כלל ישראל.

## מלך זקן וכסיל – מסתחר בסיטונות

**אין ספר תולדות יעקב יוסף פ' נשא ד"ה והעולה שרייבט ער פון א חכם אז היינט איז דער יצה"ר געווארען קלוג אז ער דארף נישט אן ו'עדען און ארייננכאפען אין זיין נעץ יעדען יחיד. נאר איין יחיד וואס פיהל ווערען אין איהם נכשל, שטעלט ער אויף א שוחט פון די סט"א אין שטאט וואס איז מאכיל פארען ציבור טרפות, רח"ל. עיי"ש באריכות.**

ב״ה. שבט תשל״ט נומער 18

# בולעטין

פון הרב שלום יהודה גראס

## א ווארענונג צו אלע אידען

### די טליתים טראגעדיע!!!

**טראך! טראך!** עס ראכט ויך ווי דער הימעל פאלט אראפ פין די מורא דיגע גייסטיגע טראגעדיע וואס איז פארגעקומען די לעצטע פאר חדשים.

עס האט ליידער איינגעבראכען אן עפידעמיע רח״ל צווישען די גאר היימישע קרייזען אין געשעפטען. צענדליגע ספרים געשעפטען מיט סתם געשעפטען פין וויליאמסבורג—באראפארק—פלעטבוש—קווינס, און גאנץ גרעיטער נוא יארק זענען פארפלייצט געווארען מיט שווערע הונדערטער ארץ ישראל—טערקישע טליתים. וואס נאך גרונטליכע אינטערזוכונגען ביי לאבאריטאריס האט מען געטראפען טליתים פון דעם סארט, הונדערט (100) פראצענט פריי פין יואל.

**שומו שמים!** א קאלטער שוויים באגיסט דעם קערפער הערנדיג די טרויריגע בשורה, אז **טליתים** וואס ווערן פארקויפט אין די בעסטע ערליכסטע געשעפטען פון **וויליאמסבורג און בארא־פארק.**

א.א. וו. אלס הונדערט פראצענט טערקיש וואלענע טליתים, ואלען נישט ענטהאלטען אפילו בלויז איין וואלענעם פאדים, רחמנא יצילנו אינדערצייט וואס לויט ד פוסקים קען זיין א ערנסטע פראגע בײ די סארט טליתים:

1. אויב מען איז יוצא די מצוה.
2. אויב מען מעג מאכען דערויף א ברכה.
3. אויב מען מעג ארויסגיין דערמיט שבת.
4. אמאל קען זיין די ציצית מיטן טלית שעטנז.
5. מען איז נישט מקיים מצות ציצית אגאנץ לעבן.

וזה ארסטירלען אין שו״ע או״ח סי׳ ט׳, מ״א, ושו״ע הרב, מ״ב, וארצה״ת, ומאסלה״מ, ושלחן מלכים, שו״ת מהר״י שטייף, שו״ת אגרות משה, ועוד.

און וואס טוט זיך מיט גזל און אונאה, וואס אפילו יום כיפור העלפט נישט וויפיל ארימע כרויט פארדינערס, האבען אפגעשפארט דאס ביסען פון מויל כדי ויך ערלויבען צו קויפען פאר זיך, אדער פארן איידעם דעם בעסטען פארלעסליכטען טלית, און פלוצלונג זעהט מען אז די גאנצע הארעוואניע איז געווען אומזיסט.

**געבליבען אהנע געלד! און אהנע מצוה!**

## ירא הקהל וישפוט!

מיר בעטן או קהל ואל נישט זיצען מיט פארלייגטע הענט, כדי עס ואל ח״ו נישט ערגער ווערען די פירצה און דערנאך זיין א מעוות לא יוכל לתקן. דאס מיינט או יעדער אהן אויסנאם זאל זיך לאזען קאסטען ד פאר נישטיגע דאלארען עקסטערע אין אראפנעמען אפאר פעידימער פון אפאר פלעצער פון טלית און אריינטראגען (אדער שיקען צושעטנז לאבאריטארי מיט דעם אדרעס:

SHATNES LABARATORY 203 Lee Ave Brooklyn N.Y. 11211

און ביז אפאר טאג וועט ער האבען די ריכטיגע רעזולטאטען, אויב איר טוט דאס נישט נארט איר זיך זעלבסט, ביטע פארנאכלעסיגט נישט אזא גרויסע מצוה.

עס איז אויך גלייכצייטיג א פליכט מפרסם צו זיין די אויבענדערמאנטע ווערטער, מטעם **כל שיש בידו למחות,** באוונדער דער וואס איז שוין געשטרויכעלט געווארען דארף מפרסם זיין איבער זיין יכולת דעם גרויסען מכשול.

ובזכות מצות ציצית נגאל במהרה, אמן.

**הק׳ שלום יודא גראס**
אבדק״ק האלמין יצ״ו

# אזהרה נוראה על ציצית מבית דין הגדול

הנה ידוע לכל איש ישראל גודל מעלת קדושת **מצות ציצית** אשר היא מצלת להזהר בה מכל עבירות שבתורה (עיין במנחות דף מ״ד) וכי היא שקולה כנגד כל מצות התורה כמארז״ל שם, ולכן החיוב על כל איש ישראל לחנך ילדיו במצוה הנוראה הזאת, ידוע לכל, עון ברכה לבטלה שעובר ח״ו על לא תשא אשר כל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב״ה לא תשא, וארז״ל שמאיימין על הנשבע: דברים שאין אש ומים מכלה אותם שבועת שוא מכלה אותם, יען מה? כי עובר על לא תשא, וכן הוא במזכיר שם שמים לשוא ר״ל, ועי״כ המטיל ציצית פסולים בכנפיו. שתים רעות עושה, האחת שבכל רגע ורגע עובר על מצות ציצית, והשנית מברך בכל יום ברכה לבטלה ועובר על לא תשא, ולכן מצאנו עצמינו מחויב בדבר להודיע לכל אחב״י, גודל המכשלה אשר נהי׳ עתה בעוה״ר, קמו אנשים עמי הארץ קלי הדעת, לא ידעו חומר הדבר ועושים ציצית ממטוה שטוואם אינו יהודי; והנכרי טוואם לעשות בגדים לא משום מצות ציצית והמה קונים מהם ועושים מהם ציצית, והמכשול הזה נודע לנו בבירור כי נעשה בק״ק ביאלא ובק״ק ניעפאלאמיץ הסמוך לק״ק קראקא ובק״ק טארנא, ובזה המה מכשילים את הרבים וגדול העון מנשוא, לכן ראוי ונכון לכל רב ואב״ד בעירו אשר ישים עין השגחתו על המביאים ציצית למכור לעירו שיהי׳ לו כתב הכשר כתוב וחתום, גם הציצית יהי׳ חתומים בסימן מובהק מהרב אב״ד דשם, ואז יתן לו הרב רשות למכור בעירו הציצית, ובלעדי הרשות מהאב״ד לא ירום איש ידו לקנות ציצית הן בעבורו והן בעבור ילדיו; כי המה פסולים מן התורה ואין עליהם שם ציצית, גם אנחנו מזהירים ומחלים פני אלה עושי הציצית אשר עד היום עשו שלא כדת; והחטיאו את הרבים; ושמו מכשול לפני אחינו בני ישראל ישימו על לבם אשר אלפים ורבבות מכשולות יצאו מתחת ידיהם בכל עת ובכל רגע; ע״כ יחזרו בתשובה ולא יזידון עוד להכשיל את הרבים בבצע כסף ויעשו ציצית כדת: והשי״ת ישלח ברכה במעשה ידיהם. גם אנחנו מחלים אשר כל איש הקורא דברים אלו לפרסם אותם ברבים, להמון עם אשר בלתי מבינים לה״ק ולמען יהיו הדברים האלה שימה בפי כל ישראל כי דבר גדול הוא; ובזכות זה ימהר ה׳ ויחוש גאולתינו ופדות נפשינו אמן כי״ר.

נאום הק׳ **שמעון סופר** בהג׳ מהרמ״ס זצ״ל אבד״ק קראקא
נאום הק׳ **יחזקאל שרגא הלברשטאם** אב״ד שינאווא
נאום הק׳ **ארי׳ ליביש** סג״ל אבדק״ק מאשטשיסק

# וויכטיגע נייעס פאר'ן וועלט אידענטום

די אידישע וועלט איז לעצטע וואך באליכטעט געווארען מיט צוויי נייע ספרים, ספר אפיית מצות השלם, וואס באשטייט פון דריי חלקים, און ספר אכילת מצות בישראל, וואס אנטהאלט זיבן חלקים פון דינים און מנהגים פון דער סדר־נאכט. די ספרים זיינען איצט ארויס פון דרוק פון דעם בארימטען מחבר הרב הגאון ר' שלום יודא גראס שליט"א, אבדק"ק האלמין יע"א, ור"מ וכולל בית ישעי' אין ברוקלין, נ. י.

**בעהמח"ס : אפיית המצות השלם (י' חלקים)** ; גידולי יהודה (על הלכות ציצית); שו"ת זבחו זבחי צדק (על הלכות שו"ב); חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות); מדריך לצניעות; מזוזות שלום (על הל' מזוזה); מנוחת שלום (הדרכה לכשרות); מנחת יהודה (על חומר איסור "חלב עכו"ם ו"סימילאק"); נפש ישעי' (על מאכלות אסורות, ה"ח); קדושת ישראל (על הלכות יחוד); וש"ס.

---

מיט'ן ערשיינען פון די צוויי וויכטיגע און נויטיגע וועלט־באריטמטע חיבורים:

א) ספר אפיית המצות השלם, ג' חלקים

ב) ספר אכילת מצות בישראל, ז' חלקים

איז דער עולם התורה געווארן איבערראשט, ווייל כאטש עס איז נישט קיין זעלטענע ערשיינונג נייע געדרוקטע ספרים, וואס קומען ארויס פון דרוק, אבער גאר אנדערש זיינען די דאזיגע צוויי חיבורים: דער ערשטער חיבור, אפיית המצית השלם, וואס אנטהאלט דריי טיילען, איז באזירט אויף די הלכות פון באקען מצות מצוה. עס טוט אריינשיינען און באליכטען אלע פארנעפעלטע פראבלעמען, וואס נעמען ארום אלעס וואס געהערט צום באקען מצות, דאס מיינט שניידען די ווייץ, מאלען, זיפען די מעהל, קנעטען, וועלגערן, באקען, און נאך צענדליגע ארבעטן וואס געהערן דערצו. דער דאזיגער ספר ציטירט אלע הלכות, אנגעהויבען פון די תנאים ואמוראים ביז די פוסקים פונ'ם היינטיגען טאג. אן אומשאצבארער אוצר פאר יעדען תורה־טרייען איד, און טוט גלייכצייטיג באלייכטען דעם פראקטישען וועג ווי אזוי זיך צו באנעמען ביי די אלע ארבעטן וואס געהערן צו באקען די מצות.

דער ספר צייכענט זיך אויס מיט גרינגען לשון און איז וויכטיג פאר יעדען איינצעלנעם מענטש. נישט בלויז פאר די וואס זיינען באשעפטיגט מיט מצות באקען, נאר אויך פאר די וואס עסן מצות און דער ספר קען אנגערופען ווערען מיט'ן פולען זין פון ווארט א כל בו אויף די הלכות פון מצות באקען.

דער ספר אנטהאלט:

**א) אלע הלכות פון פאר'ן שניידען די ווייץ ביז נאכ'ן באקן.**

**ב) פראקטישע עצות און הדרכות ווי אזוי זיך צו פירען פונ'ם שניידן ביז נאכ'ן באקען די מצות.**

ג) מנהגים פון צדיקי יסודי עולם ווי אזוי זיי האבען זיך געפירט ביים מצות באקען.

ד) אנטהאלט כללים און יסודות ארויסגענומען פון די פוסקים און די ספרי בעשה"ק ותלמידיו אין צוזאמענהאנג מיט באקען און עסען מצות אין פסח.

דער צווייטער ספר, אכילת מצות בישראל, וואס אנטהאלט זיבן חלקים, איז נישט הינטערשטעליג פונ'ם ערשטן אויסגעצייכענטען הדרכה־ספר פאר יעדען, ווי אזוי מקיים צו זיין די הייליגע מצוה פון עסן מצות אין פסח. וואס ווי באקאנט, פארמאגט די הלכה זעהר א סך איינצעלהייטען, צב"ש:

א) וויפיל איז דער שיעור כזית?

ב) וויפיל כזיתים דארף מען עסען?

ג) ווי שנעל דארף מען עסען?

ד) ביז וויפיל אזייגער מעג מען עסען?

ה) ווי אזוי איז די הלכה פאר דעם וואס קען נישט עסען דעם שיעור?

ו) ווי אזוי איז די הלכה פאר דעם וואס האט פארשפעטיגט דעם זמן פון עסען?

אט די אלע פראבלעמען, און נאך שווערע ענליכע פראבלעמען, ווערען געלעזט מיט זייער פראקטישע הלכה'דיגע אנווייזונגען.

דער ספר אנטהאלט אויך א רייכען אוצר פון אלע סגולות און השפעות ברוחניות ובגשמיות, וואס קומען דורך מקיים זיין די מצוה פון עסן מצה כהלכה. דער ספר אנטהאלט אויך צענדליגע וואונדערליכע מעשיות, וואס זיינען פארלאפען ביי די פריערדיגע צדיקים אין צוזאמענהאנג פון יו"ט פסח מיט אירע מצות. דער ספר פארמאגט אויך דעם קו' הלכה למשה, וואס אנטהאלט אלע וויכטיגע אקטועלע הלכות פון פסח מיט א גרינג לשון פון הג' אבדק"ק דעברעצין שליט"א. הגאון המובהק פוסק דורנו אבדק"ק דעברעציין שליט"א שרייבט אין זיין הסכמה אויף די צוויי ספרים, צווישען אנדערע הסכמות:

**אוסף ענקי במקצוע הלזו עדיין לא ראה אור הדפוס עד היום הזה** (אויף אידיש: "אזא ריזען־ווערק און דעם ווינקעל פון מצות־באקען און עסען איז נאך קיינמאל נישט געדרוקט געווארען ביז דעם היינטיגען טאג".). נאך שרייבט ער דארט אין זיין הסכמה, אז די טויזענטער הלכות, וואס ווערן אראפגעבראכט אין ספר פארשפרייטען א ליכט פאר די אלע וואס טוען זיך דערנענטערן צו דער הייליגער ארבעט פון באקן מצות מצוה, זיי זאלען וויסען דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי זיך צו פירן ביים באקן די מצות.

צום סוף פון ספר איז אפגעדרוקט א קונטרס, ארויסברענגענדיג א קלארע מיינונג וועגען אלע מעדיצינען אין אמעריקע, זייער סטאנדארד אין כשרות־פסח, ווי אויך א גאנץ יאר, וואס איז צוזאמענגעשטעלט לויט די פערזענליכע באריכטען פון דאקטוירים אין מעדיצין און פראדוצירער איבער גאנץ אמעריקע.

ארויסצוקומען מיט קלארקייט אין דער פארוויקעלטער ליניע פון מעדיצינען, האט אפגעקאסט פאר'ן מחבר עטליכע יאר האראוואניע פון אומדערמידליכער איבערגעשטרענגטער ארבעט מיט זעהר גרויסע אויסגאבען.

עס איז באוואוסט דאס הייליגע ווארט פון הגה"ק בעל תפארת שלמה מראדאמסק, וואס האט געזאגט, אז יעדער איד, וואס וויל זיין געזיכערט אז ער זאל ח"ו נישט קומען צו קיין מכשול אין פסח, זאל אדורכלערנען אלע הלכות וואס געהערן צום פסח.

ס'איז זיכער אז דער וואס וועט לערנען די צוויי ספרים, ללמוד על מנת לעשות, וועט נישט געשטרויכעלט ווערען ביים באקען מצות און ביים עסן די מצות.

די תורה וועלט

# The Non-Reliability of Medicine

**by HaRav Sholom Yehuda Gross**
**Rosh Mesivta of Yeshiva & Kollel Beis Yeshaya, Brooklyn, N.Y.**

After detailed research and diligent investigation it has been disclosed that it is *impossible* to rely, whatsoever, on the accuracy of the kashrus of medicinal products (including capsules, drugs, powders, fluids, etc.) for use both during the entire year, as well as on Pesach.

Besides considering the questionability of the medicinal ingredients contained in animal products or derivatives, Passover use brings with it a series of doubtful ingredients (from the kashrus standpoint), such as legumes (kitniyos), e.g., corn starch, etc.

All the lists promulgated, published and issued by various Rabbinical organizations and individual Rabbis are based on their personal written correspondence between themselves and the drug manufacturing companies.... The list preparation does *not* use the most valid accepted standard kashrus criteria of "personal supervision," *mashgiach,* or the all important *on-site inspection* at any of the drug manufacturing or processing facilities. None of these personal inspections exist.

Despite their meritorious intentions it is, indeed, surprising that such lists are issues at all! It demands a significant immeasurable responsibility to publicize a "list" of kosher medicines (which in the opinion of the 'issuing Rabbi' are kosher), since research has proven that from the time the original list is prepared (based on the written questionnaires) to the "date of publication," the production process and ingredients could, and do, drastically change. All of the major drug manufacturing companies have explicitly stated that they can not inform anyone as to the kashrus of a drug at any particular given time because: (a) the production process *constantly* changes; (b) their own suppliers of ingredients do not use standard single sources as an origin for their raw material ingredients. Each ingredient is purchased from different sources and the origin of the basic ingredient is in a constant state of flux, depending on market conditions.

The issuance of any published list which itemizes so-called kosher medicines is comparable to one's attesting that he saw the sun shining at night! It is a sad commentary on our era that individuals continue to mislead the Jewish public — who are so eager to follow the Torah-true path — when they misinform as to how to properly act.

In addition, even if it were possible to guarantee the kashrus of a particular medicine, the certification is only applicable to a particular "batch." The Medicines which were stored in warehouses, and/or lie for unknown periods on the pharmacy or drug store shelf do not indicate when or under what quality controls they were prepared. And, medicines, per se, do not come with a *hashgacha.*

I quote some of the major pharmaceutical companies in this regard:

1: **Abbott**... "We prefer that such tests not be made due to the frequency with which our product formulas change..."

2: **Parke-Davis**... "It is impossible for us to give a complete breakdown of all ingredients...they may be subject to revision from time to time."

3: **Syntex**... "I question whether you can obtain more than a few tablets on the market (from all companies) which do not contain some corn starch."

4: **Ciba-Greigg**... "I doubt whether any company has products which would be considered as kosher unless it had made a concerted effort to manufacture them."

The only solution for a G-d fearing man who requires the use of a medicine is not to rely on any published list, but to personally ask a sheaylah (question) from an *authoritative, competent orthodox Rabbi.* Each and every Rabbi who is questioned regarding the kashrus of certain medicines should carefully measure his decision, based on halacha *and* technology, consisting of detailed knowledge of the nature and medical diagnosis of the illness with its implications in *halacha* and the prescribed medicine. *Over-the-counter-drugs* should not be permitted unless special circumstances require their use.

The above is a summary of a monumental Sefer recently published by Rabbi Sholom Yehudah Gross, residing at 4711-12th Avenue, Brooklyn, New York 11219, who quotes each and every one of his sources for the above statements. Rabbi Moshe Stern (the Debreciner Rav), as well as other authoritative Gaonimm ,gave their highest approbations (Haskamas) to the distinguished author and his sefer.


# NEW FOR PESACH

**Two vital new books dealing with matters that every Jew must know on Pesach:**

**(The Baking of Matzos)**

**1. The general concept of eating kosher matzos, especially as developed in Gaonic and Chasidic sources.**

**2. An encyclopedic compilation of all the laws involved in baking matzos, from cutting the grain until the final steps.**

**3. Gaonic and Chasidic customs involving baking and preparing matzos.**

**ACHILAS MATZOS BE-YISROEL (Eating Matzos)**

The laws of eating matzos, from the Seder night until the end of Pesach. Also a discussion of eating wetted matzah (gebrokts). Many stories of Chasidic origin regarding matzos presented in a separate section. Another section discusses the questions of the kashruth of medicines on Pesach, as well as all year round (in English). The work concludes with a survey of all the pertinent laws of Pesach as taught by Rabbi Moshe Stern (the Debreciner Rav).

At all Jewish stores: $9.50 for the set. For mail order, add $1.50 for postage and handling.

RABBI S.J. GROSS (the Holminer Rav)
4711-12th Avenue, Brooklyn, N.Y. 11219
Tel: (212) 436-8086

# Laws of Pesach

The Torah world has been enriched with the publication of two new and interesting seforim concerning Pesach.

1) "Afias Hamatzohs Hasholem" concerning the laws and customs of baking of Matzohs.

2) 'Achilas Matzohs B'Yisroel concerning to laws and customs pertaining to the Seder night.

These seforim have just been published by the well known author Rabbi Sholom Yehuda Gross, the rabbi of Holmin and Cong. Magen Shaul and Rosh Mesivta of Yeshiva and Kollel BeisYeshaya, Brooklyn, N.Y.

Afias Hamatzohs Hasholem deals with the various aspects of baking Matzoh cutting the wheat, grinding the flour, the kneading of the dough, the rolling and baking, etc.

The author clarifies many complex problems, citing the sources. He starts from the Gemara and includes the greatest poskim and Gedolim. It clarifies many of the practical aspects of making the matzoh.

The language is clear and easy to understand. The laws are important for everyone---not only for those who actually bake Matzohs.

This is the most comprehensive work issued to date on the eating and baking of Matzoh. In addition, the author includes the customs of many of the great Gaonim and Tzadikim of previous generations concerning the baking of Matzohs.

The second volume "Achilas Matzoh B'Yisroel" is divided into seven parts presenting important guidelines concerning the mitzvoh of eating matzoh on Pesach.

(1) What are the measurements of a Kezais, "Beiah and Revies"?

The book includes a special chart showing the various opinions and contains measurements, both in grams and ounces (2) How the kezaisim should be eaten (3) how fast do they have to be eaten (4) until what time is one allowed to eat matzoh? (5) what to do if one cannot eat the required measurements? (6) what can be done if the time for eating has passed?

All these and other problems are discussed in full detail according to halacha.

Another section contains wonderful stories about tzadikim concerning Pesach. This chapter contains excellent material for parents and grandparents to relate to their children at the Seder.

There is also a chapter "Halacha leMoshe" concerning important halachos of Pesach written by Hagaon Rabbi Moshe Stern, the Debretziner Rav.

Among the many approbations (haskamos) of the various gedolim, the Debretziner Rav comments that such a gigantic encyclopedic work on baking and eating Matzohs has not been printed to this day. The thousands of Laws and Customs mentioned will serve as a guide to all who care in baking Matzohs.

The last part contains excerpts in **English** from the correspondence the author received from many of the greatest companies in the Drug and Pharmaceutical industry. These letters indicate that it is questionable whether most medicines are kosher for Pesach, and also sheds light ont their standard of Kashrus during the whole year.

According to the *new* information contained in these letters from the various companies, it is evident that one should not rely on the various published lists concerning the Kashrus of various medicines for Pesach as issued by the various Rabbinical organizations or individual rabbis. These lists were compiled without the knowledge of the new information written by the companies to the author!

The author has been working for years at great expense and efforts in order to compile and publicize this information concerning the kashrus of medicines. These letters are but a small part of the hundreds of letters the author has received from various companies.

This information concerning medicines is of great importance for anyone contemplating the use of medicine on Pesach.

These two volumes will enrich your knowledge about baking and eating matzoh in order to celebrate the holiday of Pesach according to the halacha.

Rabbi Sholem Yehuda Gross is the author of the following seforim.

**Nefesh Yeshaia** — kashruth — foods that are not permitted in Hebrew and English. **Zivchu Zivchei Tzedek** — problems of glatt kosher in America. **Simchas Sholom** — the laws pertaining to chupa and marriage. **Minchas Yehudah** — about Similac and Cholov Akum. **Oholei Yisroel** — a guide for the Bungalows in the summer and mezuzos. **Dvar Moshe** — various customs and laws. **Mnuchas Sholom** — a guide concerning the preparation of food in the home, and **Kdushas Yisroel** — Hilchos Yichud.

**Institute for the Publication of Jewish Books and Material**

Under the Supervision of
**Yeshiva and Kollel**
**Bais Yeshaya of Brooklyn, N.Y.**

**Institute for the Study of the Laws of Ritual Slaughter and Inspection.**

Under the Direction of Rabbi Sholem Yehuda Gross of Holmin, author of numerous Seforim.

## A TREASURE IN A JEWISH HOUSE

- ☐ Nefesh Yeshaya .................................... $9.25
- ☐ Responsa Zivchei Tzedek .......................... $4.50
- ☐ Minchas Yehuda ................................... $5.00
- ☐ Oholei Yisroel—Dvar Moshe ........................ $4.75
- ☐ Afias Hamatzos Hasholem, Vol.1, 3 parts .......... $9.50
- ☐ Achilas Matzos B'Yisroel, 7 parts, Vol. 2......... $9.50
- ☐ Kol Yaakov ....................................... $1.00
- ☐ Kedushas Yisroel ................................. $5.00

Postage Fee ........................................... $1.00

Authors Note;

No sefer will be mailed abroad unless paid in advance;

No credit will be accepted.

Total Sum ________________

NAME ________________

ADDRESS ________________

COUNTRY ________________

ZIP CODE ________________

TELEPHONE ________________

For more information write or contact:

**Yeshiva and Kollel Bais Yeshaya**

4711—12th Avenue, Brooklyn, N.Y. 11219

TEL. 436-8086

**מכון להוצאת ספרי**
**יהודה וישראל**



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי
״מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
בנשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס שליט״א**
אבדק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונכבדים.

# בשורה טובה

**בקרוב יצא לאור ספרים חדשים הנצרכים מאוד לעולם התורני**

א) **קדושת ישראל** הלכות יחוד (מהדורא שניה).
ב) **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות (מהדורה שניה).
ג) **נשואי ישראל כהלכתה** (כל הדינים הנצרכים לחתן משבת של קודם החתונה עד גמר שבעת ימי המשתה בלשון צח וקצר.
ד) **שולחן ישראל כהלכתה** כל דיני הכנסת אורחים.
ה) **מזוזת ישראל כהלכתה** (מהדורא שניה), מלוקט משו״ע עד אחרון שבאחרונים.

עדיין יש מספר מצומצם ספר: **אפיית המצות השלם** (כרך א׳ ג׳ חלקים), **אכילת מצות בישראל** (כרך ב׳ ז׳ חלקים), **נפש ישעי׳** (על מאכלות אסורות) **שו״ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שחיטה ובדיקה) עם קונטרס **שמחת שלום** (על הלי חופה וחתונה), **מנחת יהודה** (על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו״ם) **אהלי ישראל** (הדרכות ליושבי באנגלאוס), **מנוחת שלום** (הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות)

היות עס געפינט זיך בא מיר עטליכע ספרים גרייט צום דרוק, און צוליב ענגשאפט פון געלט קען מען דאס נישט דרוקען. ע״כ בעטען מיר ווער עס איז פאראינטערעסירט אויסצוצאלען איינס פון די ספרים לזכות את הרבים, לע״נ די נאנטע פון זיין משפחה, און דער נאמען פון ספר וועט טראגען דעם נאמען פון די נשמה וואס מען וויל מאכען אן אנדענק, זאל זיך ווענדען צו דעם טלפון:
**.(212) 436-8086**